לעי"נ הגה"ח ר' שמחה בונים ב"ר אליעזר ז"ל

# פְּנִינֵי קֹדֶשׁ

לאור תורתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אידיש

בס"ד, שנה ג', גליון קכט
חג הפסח, תשפ"ד לפ"ק

יוצא לאור על ידי מערכת "מסילות באור החסידות"
שע"י מכון אור הצפון דחסידי בעלזא

## א ווארט אויף די הגדה

### פארוואס איז נישט דא א פינפטע כוס קעגן 'והבאתי'?

**פסח ביינאכט טרינקען מיר פיר כוסות**, קעגן די פיר לשונות פון גאולה (שמות ו, ו-ז): **'והוצאתי' 'והצלתי' 'וגאלתי' 'ולקחתי'** (בר"ר פח, ה). דארף מען פארשטיין, עס שטייט דאך ווייטער אין פסוק נאך א לשון: "והבאתי אתכם אל הארץ", פארוואס האט מען נישט מתקן געווען נאך א כוס קעגן 'והבאתי'?

נאר עס שטייט אין ספר **תפארת שלמה** (פרשת וארא), אז אין די תורה שטייט (שם, ג): "וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב", און דערנאך שטייט (שם, ח): "והבאתי אתכם אל הארץ אשר נשאתי את ידי לתת אתה לאברהם ליצחק וליעקב". דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט ערשט "**אל** אברהם **אל** יצחק **ואל** יעקב", און צום סוף שטייט נישט 'אל' צו מאכן א הפסק, נאר: 'לאברהם ליצחק וליעקב' - צוזאמען. ענטפערט דער 'תפארת שלמה', אז די **גמרא** (בבא מציעא פה, ב) דערציילט, אז די הייליגע אבות דאווענען יעדן טאג באזונדער, ערשט אברהם, נאכדעם יצחק, און דערנאך יעקב, ווייל אויב זיי וועלן דאווענען צוזאמען וועלן זיי פועל'ן אז משיח זאל שוין קומען, אפילו עס איז נאכנישט געקומען דער צייט. זעט מען פון דעם אז ווילאנג מיר זענען אין גלות קענען די אבות נישט זיין צוזאמען, און נאר ווען משיח וועט קומען במהרה בימינו וועלן זיי זיין צוזאמען.

דערפאר, ווען די תורה רעדט פון גלות מצרים שטייט: "וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב", די ווארט 'אל' טיילט אפ צווישן זיי, אז זיי זאלן נישט צוזאמען; אבער דער פסוק "והבאתי אתכם אל הארץ", דאס גייט ארויף אויף די גאולה העתידה במהרה בימינו, ווייל אויב דער פסוק וואלט גערעדט פון דעם וואס די אידן זענען אריין דעמאלטס אין ארץ ישראל איז שווער, ווייל מיר ווייסן דאך אז דער דור המדבר איז למעשה נישט אריין געגאנגען קיין ארץ ישראל, נאר אוודאי גייט דאס ארויף אויף לעתיד לבוא, וואס דעמאלטס וועלן אלע אויפשטיין תחיית המתים, און עס וועט מקוים ווערן דער "והבאתי אתכם אל הארץ", און דעמאלטס וועלן אלע אבות זיין צוזאמען, דערפאר שטייט דארט: "לאברהם ליצחק וליעקב" (עכדה"ק).

לויט דעם פארשטייט מען זייער גוט פארוואס האט מען נישט מתקן געווען פסח ביינאכט נאך א כוס קעגן 'והבאתי', ווייל אלע פיר לשונות של גאולה איז געזאגט געווארן קעגן די גאולת מצרים וואס מיר האבן שוין זוכה געווען דערצו, דערפאר איז דא פיר כוסות קעגן זיי, אבער 'והבאתי' גייט ארויף אויף די גאולה העתידה, וואס דאס איז נאכנישט מקוים געווארן, דערפאר איז נישט דא קיין כוס אויף דעם.

(פירות-טיש ליל שבת פרשת וארא תשסט)

### דערציילן די סיפור יציאת מצרים מיט א לעבעדיגקייט כאילו מען איז געווען דארטן!

**וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי בְּמִצְרַיִם וְאֶת אֹתֹתַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בָם וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי ה'** (שמות י, ב).

מען דארף פארשטיין פארוואס האט דער אייבישטער געהייסן אז מען זאל דערציילן דער סיפור פון יציאת מצרים אויך פאר די אייניקלעך, "באזני בנך ובן בנך", לכאורה וואלט געווען גענוג אז יעדער איינער זאל דערציילן פאר זיין זיהן דער סיפור פון יציאת מצרים, און דער זיהן איז דאך סייווי מחויב דאס צו ווייטער צו דערציילן פאר זיין זיהן, אויב אזוי פארוואס איז אויך דא א חיוב אויפ'ן זיידע צו דערציילן פאר'ן אייניקל?

נאר די כוונה דערפון איז, אז עס איז דא צוויי וועגן וויאזוי מען קען דערציילן א מעשה, עס איז דא איינער וואס דערציילט סתם א מעשה, און עס איז דא איינער וואס דערציילט דאס מיט אזא חיות, מיט א פרישקייט, אז עס זעט אויס פאר דער וואס הערט אויס די מעשה כאילו ער אליין איז געווען דארטן, און דער וואס האט דאס געהערט קען דאס אויך ווייטער דערציילן אויף אזא אופן אז עס זאל אויסזען כאילו ער איז דארט געווען.

דאס מיינט דער פסוק: **"ולמען תספר באזני בנך ובן בנך"**, דו זאלסט דערציילן פסח ביינאכט דער סיפור פון יציאת מצרים מיט אזא חיות, אז עס זאל זיין "טופח על מנת להטפיח", אז דיין זיהן זאל דאס קענען שפעטער ווייטער דערציילן פאר זיינע קינדער כאילו ער אליין איז דארט געווען, און אזוי וועט זיין - **"וידעתם כי אני ה'"**. (ליל הסדר תשסט)

### די עיקר איז די 'גאולת הנפש' וואס דאס איז שוין געווען פסח ביינאכט

**מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת.**

דער טעם פארוואס מען איז מקדים די 'הקדמה' פון "מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות" פאר מען פרעגט די פיר קושיות, ווייל דא איז מרומז נאך א שאלה: ביי אלע ימים טובים זענען מיר בעיקר מקיים די מצוות בייטאג, אזוויוי תקיעת שופר און ד' מינים; פארוואס פסח זעהן מיר אז דער עיקר עבודה איז ביינאכט, די מצוות פון מצה, מרור און סיפור יציאת מצרים, אלעס מאכט מען ביינאכט?

דער תירוץ אויף דעם איז, ווייל עס שטייט אין **גמרא** (ברכות ט, א): **"הכל מודים כשנגאלו ישראל ממצרים - לא נגאלו אלא בערב... וכשיצאו - לא יצאו אלא ביום..."**, - די כוונה דערפון איז, אז אין מצרים איז געווען צוויי זאכן, עס איז געווען א 'גלות הגוף' און א 'גלות הנפש', סיי די גופים זענען געווען פארפלאגט מיט די עבודת פרך פאר די מצריים, און סיי די אידישע נשמות זענען געווען איינגעזונקען אין די מ"ט שערי טומאה, און בשעת יציאת מצרים זענען ביידע ארויס געגאנגען פון גלות - די גופים זענען ארויס פון מצרים, און די נשמות זענען ארויס געגאנגען פון די מ"ט שערי טומאה צו די מ"ט שערי קדושה.

ווען זענען געווען די צוויי גאולות? ווען מען איז זיך מתבונן זעהט מען אז די 'גאולת הנפש' איז שוין געווען פסח ביינאכט, ווען דער אייבישטער האט משפיע געווען פון אויבן געוואלדיגע אורות און קדושות, וואס דורך דעם זענען די אידן ארויסגעגאנגען פון די טומאת מצרים. אבער די 'גאולת הגוף' איז נאר געווען אינדערפרי, ווייל דעמאלטס זענען זיי ארויס 'למעשה' פון מצרים. און דאס איז דער פשט אין די גמרא: "כשנגאלו ישראל ממצרים - לא נגאלו אלא בערב, וכשיצאו - לא יצאו אלא ביום", די 'גאולת הנפש' איז שוין געווען ביינאכט, און די 'גאולת הגוף' איז געווען נאר בייטאג.

מיט דעם איז אויך פארענטפערט די קושיא פארוואס מיר זענען מקיים אלע מצוות דווקא ביינאכט, ווייל דער עיקר נס איז די 'גאולת הנפש', אז מיר זענען ארויסגעגאנגען פון די מ"ט שערי טומאה, און דאס איז שוין געווען ביינאכט. און דאס איז וואס מיר זאגן ווייטער: **"ואילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים, הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים"**, ווייל אויב דער אייבישטער וואלט אונז נישט ארויסגענומען יענע נאכט פון די מ"ט שערי טומאה, וואלטן מיר ח"ו אריינגעפאלן אין דעם שער הנו"ן, און מען וואלט שוין נישט געקענט ארויסגיין. (ליל הסדר תנשא)

### "לי ולא לו" – אפילו דער רשע קען האבן א תיקון

**רָשָׁע מָה הוּא אוֹמֵר, מָה הָעֲבֹדָה הַזֹּאת לָכֶם, לָכֶם - וְלֹא לוֹ. וּלְפִי שֶׁהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מִן הַכְּלָל כָּפַר בְּעִקָּר, וְאַף אַתָּה הַקְהֵה אֶת שִׁנָּיו וֶאֱמֹר לוֹ: בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה ה' לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם, לִי - וְלֹא לוֹ, אִילּוּ הָיָה שָׁם, לֹא הָיָה נִגְאָל.**

אין די ווערטער וואס מיר זאגן פאר'ן בן הרשע **"לי ולא לו"**, איז מרומז אז אפילו דער רשע וואס האט שוין כופר געווען בעיקר רח"ל, קען אויך תשובה טוהן. ווייל עס איז באקאנט אז אין דער פסוק וואס שטייט אין 'מזמור לתודה' (תהלים ק, ג): "הוּא עָשָׂנוּ וְלוֹ אֲנַחְנוּ", איז דא א 'קרי' און א 'כתיב', דער 'קרי' איז: "הוא עשנו **ולו** אנחנו", מיר זענען פון דער אייבישטער, און דער 'כתיב' איז: "הוא עשנו **ולא** אנחנו", דאס מיינט פארקערט ח"ו, אז מיר זענען נישט פון דער אייבישטער; און דער רמז דערפון איז, אז אפילו איינער איז ח"ו אין א מצב פון 'ולא אנחנו', ער האט זיך דערווייטערט פון דער אייבערשטן, קען ער זיך אלעמאל צוריק קערן אז עס זאל זיין 'ולו אנחנו'.

און דאס זענען מיר דא מרמז פאר'ן בן הרשע: **"ולא לו"**, אפילו אויב דו ביזט שוין ביי א מצב פון 'ולא אנחנו', דו האסט שוין כופר געווען בעיקר רח"ל, קענסטו נאך תשובה טוהן און עס וועט ווערן 'ולו אנחנו'. (ליל הסדר תשנד)

## א געדאנק
אויפענינא דיומא

### די הייליגע תנאים האבן געוואלט צואיילן דער קץ

**וְכָל הַמַּרְבֶּה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח. מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי בְרַק, וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם וְאָמְרוּ לָהֶם: רַבּוֹתֵינוּ, הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית.**

אין **גמרא** (כתובות קיא, א) שטייט, אז דער אייבישטער האט באשוואוירן די אידן אז זיי זאלן נישט צואיילן דער קץ הגאולה און ברענגען משיח מיט כח פאר דער ריכטיגע צייט. און **רש"י** ערקלערט דארט, אז דאס מיינט צו זאגן אז מען מעג נישט דאווענען צופיל אויף די גאולה.

דאס איז אבער נאר געזאגט געווארן א גאנצע יאר, אבער פסח ביינאכט איז אנדערש פון א גאנצע יאר און מעג מען יא אסאך דאווענען און בעטן אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאולה, אזויווי עס איז מרומז אין די ווערטער: **"וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח"**, פסח ביינאכט מעג מען רעדן און דערציילן אסאך פון די גאולה, און מיט דעם צואיילן די גאולה השלימה.

און אויף דעם ברענגט דער בעל-הגדה די מעשה פון די הייליגע תנאים, וואס זיי האבן אויך געוואלט מיט זייערע הייליגע עבודה צואיילן די גאולה און ברענגען משיח. אזויווי עס איז מרומז אין די ראשי-תיבות פון זייערע נעמען: "רבי **א**'ליעזר, רבי **י**'הושע, רבי **א**'לעזר בן עזריה, רבי **ע**'קיבא, רבי **ט**'רפון", וואס דאס איז בגימטריא **צ"א** (91), פונקט אזויווי די בגימטריא פון די צוויי הייליגע שֵׁמוֹת: **הוי"ה אדנ"י**, ווייל זיי האבן געוואלט ברענגען די גאולה דורכ'ן מייחד זיין די צוויי שמות הקדושים.

און דאס איז אויך די כוונה פון די ווערטער: "שהיו מסובין בבני ברק", ווייל **'בני ברק'** איז בגימטריא **'השטן'** (364), - א רמז אז מיט זייער סיפור יציאת מצרים און זייערע הייליגע יחודים האבן זיי געוואלט אינגאנצן צוברעכן דער שטן, דער יצר הרע.

"עד שבאו תלמידיהם ואמרו: רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית", עס איז שוין געווארן אינדערפרי, און דווקא **פסח ביינאכט** האבן מיר רשות צו איינרייסן וועלטן אז משיח זאל שוין קומען, אבער אינדערפרי איז שוין אזויווי א גאנצע יאר, און מען מעג נישט צואיילן דער קץ מיט כח.

(ליל הסדר תשנד)

## סיפורי קודש
אויף יו"ט פסח

### גלייבן אז דער 'נאכט' איז אזויווי דער 'טאג'

**מַעֲשֶׂה בְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר וְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וְרַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן עֲזַרְיָה וְרַבִּי עֲקִיבָא וְרַבִּי טַרְפוֹן שֶׁהָיוּ מְסֻבִּין בִּבְנֵי בְרַק, וְהָיוּ מְסַפְּרִים בִּיצִיאַת מִצְרַיִם כָּל אוֹתוֹ הַלַּיְלָה עַד שֶׁבָּאוּ תַלְמִידֵיהֶם וְאָמְרוּ לָהֶם: רַבּוֹתֵינוּ, הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית.**

אמאל איז איינער געקומען פרעגן פאר דער הייליגע **רבי ר' בער פון מעזריטש זי"ע**, וויאזוי קען מען מקיים זיין דער מאמר חז"ל (ברכות פ"ט מ"ה) : "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה"? וויאזוי קען א מענטש אננעמען דאס שלעכט'ס מיט די זעלבע שמחה וואס מען נעמט אָן גוטע זאכן?!

האט איהם דער רבי ר' בער זי"ע געשיקט צו זיין גרויסע תלמיד דער הייליגע **רבי ר' זושא זי"ע**. ווען יענער איז אנגעקומען צום שטוב פון דער רבי ר' זושא זי"ע, האט ער זיך דערשראקן צו זעהן און וועלכע ארימקייט און דחקות וואוינט דער הייליגע צדיק. ווען ער האט אראפגעלייגט זיין קושיא פאר דער רבי ר' זושא, האט איהם רבי זושא געענטפערט מיט א וואונדער: "איך פארשטיי נישט פארוואס מיין הייליגע רבי האט דיר געשיקט פונקט צו מיר מיט די שאלה, ווייל וויאזוי קען איך דיר ענטפערן אויף די שאלה בשעת וואס איך האב נאך קיינמאל נישט געהאט קיין שלעכט'ס אין מיין לעבן?!"...

לויט די מעשה קען מען ערקלערן די מעשה וואס מען דערציילט דא אין די הגדה. די פינעף הייליגע תנאים האבן געלעבט אין זייער א שווערע צייט, די תקופה פון די "עשרה הרוגי מלכות", און עס איז געווען דעמאלטס שווערע און ביטערע צייטן פאר די אידן. דערפאר האבן די הייליגע געוואלט אריינשיינען אין די הערצער פון זייערע תלמידים די לעכטיגקייט פון אמונה אויף זייער א שטארקע אופן, אז זיי זאלן צוקומען צו א הויכע מדריגה אז עס זאל נישט זיין ביי זיי קיין שום חילוק צווישן שלעכט'ס און גוט'ס, צווישן א מצב פון "נאכט" און א מצב פון "טאג".

דאס איז דער פשט: **"שהיו מספרים ביציאת מצרים כל אותו הלילה"**, זיי האבן געוואלט ארייגלייגן אין די הערצער פון זייערע תלמידים דורך דער סיפור יציאת מצרים א שטארקע אמונה אויך ווען מען געפונט זיך אין א שווערע מצב, א בחינה פון **"כל אותו הלילה"**. "עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם: **רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית"**, רבותינו! מיר האבן טאקע זוכה געווען צו די שטארקע אמונה, און מיר גלייבן באמת אז אפילו א מצב פון **"כל אותו הלילה"** איז פונקט אזויווי טאג, **"זמן קריאת שמע של שחרית"**, ווייל אלעס קומט פון דער הייליגע באשעפער.

(ליל הסדר תשלה)

*

### "שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו"

**וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ, שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם.**

מען דערציילט אויף איינע פון די גרויסע **צדיקים**, אז ער איז אמאל געגאנגען קוקן און הערן וויאזוי אידן פירן אפ די סדר-נאכט. איז ער אנגעקומען אמאל צו א פשוט'ע ערליכע איד, און ער הערט ווי דער איד זאגט מיט זייער א גרויסע התלהבות דער שטיקל אין די הגדה: "והיא שעמדה לאבותינו ולנו, שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו, אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו".

דער צדיק האט פארשטאנען אז דער איד האט זיך נישט צופייערט ווייל ער פארשטייט די פירוש המילות, דערפאר איז ער צומארגנ'ס צוגעגאנגען צו דער איד און איהם געפרעגט פארוואס האט ער זיך אזוי שטארק צופייערט ביי די שטיקל. האט דער איד געענטפערט, אז ער האט פארשטאנען אז 'לכלותינו' מיינט מען א לשון פון דאווענען, אזויווי עס שטייט: "ויחל משה" (שמות לב, יא), און מיר דאנקען דעם אייבערשטן, "שלא אחד עמד עלינו לכלותינו", נישט נאר משה רבינו האט געדאוונט אויף אונז, "אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו", אין יעדע דור איז דא א צדיק וואס איז מתפלל אויף אונז...

דער צדיק האט זייער הנאה געהאט צו הערן דער 'פשט', און ער האט געפרעגט פאר דער איד: "אויב אזוי וואס איז דער פשט פון די ווערטער וואס מיר זאגן ווייטער 'והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם'", און דער איד האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

האט איהם דער צדיק געזאגט: "איך וועל דיר זאגן די תשובה אויף דעם, דער פשט איז אז דער רבונו של עולםווארט נישט אז די צדיקים זאל דאווענען, ער שיקט שוין די ישועות נאך פאר זיי דאווענען, דאס מיינט: 'והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם'".

(לעקיך און בראנפן נאך בדיקת חמץ תשסז)

*

### דער מנהג צו טאנצן נאכ'ן 'סדר'

פסח ביינאכט שנת תש"ג לפ"ק, האבן זיך **דער הייליגע רב זכרונו לברכה** און **דער בילגורייא'ע רב זי"ע** געפונען אין דער שרעקליכע 'געטאָ' פון **'באכניע'**, און האבן זיך באהאלטן אלס פשוט'ע ארבעטער'ס. עס איז געווען דעמאלטס א שטרענגע געזעץ, אז ביינאכט טאר מען זיך נישט דרייען אויפ'ן גאס, און מען מעג זיך נישט געפונען אין א פרעמדע שטוב, ממילא איז געווארן א גרויסע ספק וויאזוי מען זאל פירן דער סדר-נאכט, צו מען זאל רופן א 'מנין' אידן צום 'סדר', אדער דער רב זכרונו לברכה מיט'ן בילגורייא'ע רב זאלן אליין פירן דער 'סדר'.

צום סוף האט דער רב זכרונו לברכה באשלאסן צו פירן דער 'סדר' מיט א 'מנין' מצומצם. צום סוף פון דער 'סדר' האט מען געהערט א רעש פון אינדרויסן, די פאליציי פון די 'געסטאפו' ימ"ש האבן אנגעהויבן ארום צו גיין אין געטא, און עס איז פארשטייט זיך געפאלן אויף יעדעם א גרויסע פחד און שרעק, און זיי האבן שנעל געוואלט אהיים לויפן כדי מען זאל זיי נישט כאפן אז זיי זענען אין א פרעמדע שטוב.

אבער דער רב זכרונו לברכה האט געהייסן אז מען זאל ווארטן נאך א רגע, און געזאגט: "דער מנהג איז צו טאנצן נאכ'ן 'סדר', ממילא זאל יעדער איינער אנכאפן די האנט פון זיין חבר, און מען זאל טאנצן לכבוד יום-טוב"... און אזוי האט מען געטון, מען האט געמאכט 'טאנץ', מען האט געזינגען א ניגון במשך א רגע כמימרא, און גלייך האט דער רב זי"ע אפגעשטעלט דאס ניגון און געזאגט: "שוין, מיר האבן ב"ה מקיים געווען אויך דער מנהג", און ער האט זיי געוואונטשן 'א גוטן יום-טוב", און דער 'עולם' איז אהיים געגאנגען בשלום.

(סעודה ג' פרשת בא תשסג)



כלל חסידי בעלזא
מודים על העבר וההווה,
וממשיכים להתפלל
על העתיד, ביתר שאת ועוז!

חייג עכשיו והצטרף לתפילות
לזכות עטרת ראשינו שליט"א
02-313-7666